STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06503

# EPIGRAMATISH

Yitshak Goldkorn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

I. GOLDKORN

# EPIGRAMATISH

(EPIGRAMS)

MONTREAL 1954

CITY PRINTING CO.

י. גאָלדקאָרן

# עפּיגראַמאַטיש

ארויסגעגעבן פון א גרופע פריינט

מאנטרעאל 1954

# טיפּן-אַלבום

ווערטער שלאַבריקע, אָנעמישע,
לעבן־אויף אין שאַרפע זיך־עסענצן:
פון זילבער־זיווג כעמישן —
געבורט פון וויטאַלע סענטענצן.

### אויף א סוחר

א געשטאַלט — א נאַטירלעכער ראַבאַט,
מיט אַ מח —אַ קאַטאַלאָג פון סחורות, פרייזן;
ס'באַפעלט אים זיין טיראַן, דער באַנקנאָט,
אין ציפערן זיך אויפצולייזן.
אַ מענטש, וואָס קען אַזוי פיל רעכענען, ציילן,
זאָל נישט איבעררעכענען, אַז ר'איילט צו די „פיר איילן"!
— יעדער זוכט זיין לייזונג, זיך דערלייזן —
ער געפינט זי אין געלט — ל י י ז ן.

### אויף אַ ''טרעמפּ''

פון דער גייענדיקער רואיגע ווייעט לענענדע מאַיעסטעטיש,
ווי אַ זון־בליק, וואָס גאָלדיקט פון וואָלקן־סמאַטעס אַרוים.
(אפנים — צויטן, עלנט און שמוץ קענען אויך ווירקן עסטעטיש!)
אַ מענטש, וואָס פאַרשטעקט די וועלט אין אַ טאַש — איז גרוים.
— פאַרבייגייער, גרוס מיט יראת הכבוד דעם מאַן מיטן אדל־טיטל;
אָבער ווען דו פאַרשטייסט דאָס — האָסטו, מן הסתם, נישט קיין היטל.

## סאַלאַט־מענטשן

זיי זענען אייביק שקלאַפֿן פֿון די מאָדע־געצן,
באַפּאַנצערט מיט כּללים פֿון „גוטן באַנעמען"
און מאַסקירט מיט פֿאַרשטייפֿטע מאַנירן, געזעצן —
אַפּנים — זיי מוזן מיט וואָרן תּוך זיך שעמען;
— יעדער האָט זיין אידעאַל, אַ גאָט, צו וועמען ער בעט —
זיי האָבן די מיניאַטור־עטיק — די עטיקעט.

## קאַרל און קאַרליק

זיין פֿאָרגייער, דער גרויסער קאַרל האָט געשריבן דאָס „קאַפּיטאַל",
ער, קאַרליק, מאַכט אים, מיט זיין נעאָ־מאַרקסיסטישן געזינדל.
דיסקאָנטירן אַ פֿאָלקס־קאַטאַקליזם איז — סוחריש — אַן איינפֿאַל;
נאַציאָנאַל־מענטשלעך איז דאָס לעגאַלער שאַנטאַזש, שווינדל.

## אויף אַ בעל גאווה

גאָלד אין די טיפֿן זינקט,
אויף דער אויבערפֿלאַך שווימט מיסט,
אָבער דאָס דראַפּן־זיך איז אומזיסט,
ווייל מען באַנעמט ערשט: ס'שטינקט.

### סנאָבן

זיי שטאָלצירן מיט דעם, וואָס זיי האָבן,
ווייל מיט דעם, וואָס זיי זענען — איז אוממעגלעך;
זיי מוזן זיך אין עפּעס קלאַמערן, די סנאָבן:
לײדיקייט פילט זיך מיט זיך — אומדערטרעגלעך.

### גישט־פאַרגינערס

זייער וועלטל איז אַזוי קלײנלעך,
אַז זיי זעען אַן אַרויסשטויסער אין יעדער דערשיינונג;
אָבער די געלע קנאה, ווי געוויינטלעך,
פאַרהילט זיך מיט אַ גרין־אָביעקטיווער מיינונג.

### אויף אַ ליטוואַק

נאָר מען וואַרפֿט אים פֿאָר אַ פּגם:
— ער טראָגט אַ צלם אויפֿן האַרץ, און דאָס גלייכן;
אָבער דאָס איז אַ בלבול, גלאַט אַזוי, סתם:
— אַ ליטוואַק האָט אַ האַרץ? — אַ ליגן מיט אַ וואָר־צייכן!

### אויף אַ בלאַפֿער

קוקסטו אויף דעם שוויצער, אויף זיינע קונצן וויסטע,
אויף זיין דראַפּן זיך, זיין גאַנג, —
זעסטו: פֿאַלש איז דאַרווינ׳ס לערע, זיינע באַווייזן — אומזיסטע:
— דער מענטש איז אַליין אַן אָראַנג־אוטאַנג.

### אויף אַ קמצן

ער לעבט כסדר אין גראַשנדיקער שרעק:
ס'חיות זאָל אים נישט פון טאַש אויסגיין;
ער פאַרגינט זיך נישט — עסט ער ממש ד...,
ער עסט און גריזשעט זיך אַליין.

### אויף אַ טוריסט

וואו אַ מדינה — מיט זיינע טשעק-פליגל אויסגעפלויגן,
וואו אַ לאַנדשאַפט — זיך קעגנזייטיק פאַרלאַנגווייליקט:
אַלץ-איינס, אויב אַלהאַמבראַ, סאַן-מאַרקאָ אָדער ווייטשעפּל;
דאָס שענסטע נאַטור-קולטור-ווערק — מאַט אין טריבע אויגן —
די גרעסטע וואונדער — קליינלעך אין אַ פוסט קעפּל.

### . . . איסטן

גאַנץ פֿײַן צו האָבן אַ ריכטונג, אַ ציל,
צו געהערן צו דעם אָדער יענעם „איזם";
מען מוז אָבער האָבן אייגענעם געדאַנק, געפֿיל —
אַן דעם איז אַלץ ווי אַן אַ י ז ם .

### מאָראַליסטן

זיי טוען אַלע „טו גוטס" פּריידיקן,
— „דו זאָלסט נישט!" — דרשנט יעדער אין זײַן טעמפּל.
די ווערטער פֿאַרשטומען אין חלל ליידיקן —
דער לערער מוז געבן זיך אַליין — אַן עקזעמפּל.

## אַפּראָפּאָ ''גאַנדי''

ער טרינקט שבחים־קרעם במקום ציגן־מילך, —
דער געביפּטער אַמעריקאַנער „גאַנדי";
ער פּרעדיקט, אַנשטאַט מאַהאַטמאַ'ס פּאַסיוון ווידערשטאַנד,
אַקטיוון אָפּאָרטוניזם — ס'זאָל אים נישט זיין צו קיין שאַנד!
גייט ער צו געדאַנקען־נקיות — מוזן געבן אַ הילך
די שקר'אָפּאָנען פון אַלע מ'ט שערי פּראָפּאַגאַנדע.

### אויף אַ לייט־אַרטיקלער

אַ וועטער־„נביא“ פון דער עפנטלעכער מיינונג —
דער „נביא“ אַליין מיינט גאַרנישט — אַ שאינו יודיע לשאול;
פאַרשידענע שטעלונגען צו איין־און־דערזעלבער דערשיינונג:
לויט די אומשטענדן — דרייט ער אוים דעם „דישל“.

### אַ קאַלומניסט?

ער זוכט כסדר פלעקן ביי יענעם,
דער קלעקס־פינצטערער „קאַלומניסט“;
באַווייזט ער זיך — דער „מעסענדזשער־באָי“ פון גהנום —
פאַרקלאַפּט מען טירן: „אַהאַ, דער ק אַ ל אָ מ נ י ס ט !“

### צו אַ דאַמע

די נאַטור האָט אייער מעטריקע אייך אויפן פּנים איינגעקריצט;
אירע שטריכן-ציפערן פילן אייך אָן מיט שרעקן;
איר פעלשט, אָבער אייער גאַנצע ראַדירונגס-קונסט וואָס ניצט?
איר קענט זי בלויז איינקלעקסן, אָבער נישט אויסמעקן.

### אויף אַ זינדערין

זי ריכט אָפּ איר קולט אין טעמפּל פון זינד,
אַליין — די פּריסטערין, דער מזבח, קרבן:
אַ נאַכט-פּייגעלע, וואָס פליט פּאַטאַל, בלינד
אין פייער פון שענדונג און פאַרדאַרבן.

### אויף א דיאַלעקטיקער

יעדן דריטן אבסורד רופט ער: „סינטעטיש“,
צוויי לינקע שיך זענען ביי אים א פּאָר;
ער האָט בקבלה פון זיין דיאַלעקטישן פּעטיש:
מ'איז מזווג צוויי שקרים — קומט אַרויס וואָר.

### אויף א ״פילזייטיקן מענטש״

ער דרייט זיך אויף אַלע זייטן, עקלעקטיש,
עפּעס צו־ביסלעך כאַפּן פון יעדן עק־טיש.
דעפּרווידירט „קאַפּיטאַל“, פּסיכאָנאַליע, „תניא“;
סיי בעת זיין פּלאַפּל־און־פּלפּולאַמאַניע,
סיי ווען ער מיט־בודד'ט אין אונטער־אוניווערז —
ר'איז דער זעלבער: גייסט־ריח'יק, פּערווערז.

### רעזיגנירטע פריידענקער

זיי דערשלעפּן זיך — חרוב׳ע שיפן מיט צעבראָכענע מאַסטן,
צום האַפן פון „צעריסענע נשמות״ — אָן זעגלען:
זיי קענען מער נישט רייזן, טראָגן לאַסטן,
זיי — שמעלץ פאַר רעליגיעס טיגלען.

### אטעאיסטן

נישט: זיי גלייבן נישט אין גאָט,
נאָר זיי גלייבן, אַז ס׳איז קיין גאָט נישט פאַראַן;
ווער צווייפל אין זייער גלויבן האָט,
איז ביי די נ י ש ט־ג ל י י ב ע ר ס — אַ פּראָפאַן.

### אויף א ״כלל־טוער״

ער האָט אַ כלל: „טועריי“ איז אַ גאָלדן פאַך:
מ׳לייגט אַריין גאָרנישט — מ׳נעמט אַרויס אַסאַך.
ער איז אַ מתפלל בעד חברו — דער פּועל־בטל; דלפון —
ער רעדט וועגן יענעם און ווערט אַליין געהאָלפן.

### אָפּאָרטוניסטן

זיי זענען אומעטום פאַראַן, די בריה׳ס,
וואָס פּאַראַזיטירן, פאַרפּוילן אַלע מאַטעריעס.
— ס׳וועלן שימלען ווי קעז די דערהויבנסטע צילן,
ווי לאַנג ס׳וועלן נישט פאַרשווינדן אָט די באַצילן.

### אויף א געלערנטן

ער האָט אַ דיפּלאָם אויף לאָגיק,
אָבער נישט קיין דיפּלאָם אויף שׂכל;
ר'האָט אויף אַלץ אַ מעטאָדיק,
אָבער נישט — צו באַרייכערן זיין מח'ל.

### אויף אַ ''גרויסן מענטש''

ער באַזיצט אין אַ גרויסער מאָס — דורכשניטלעכקייט,
אונטער זעראָ איז ער נאָר אין זיטלעכקייט.
פֿאַרוים אים קלינגט מיט זיין גרוים-קייט אַ שייקע —
אין וואָס זי באַשטייט, בלייבט אָן אייביקע „תיקו“.

## אויף אַ יידישן קאַסמאָפּאָליט

יאָ, ער האָט דערלעבט אַן אינטערנאַציאָנאַל—שוין איינמאָל אַ פּיינעם:
די חלומות פון אַלע פעלקער — אין אַ מאַסן־גרוב אינאיינעם.
אוממעגלעך — סיי יאָ, סיי נישט־זיין קאָסמאָפּאָליט,
פאַר אים — דעם אייביקן קאָסמאָ־פּ ל י ט.

### אויף אַ דעמאַגאָג

אַ כשוף־סמיטשיק — זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, דעמאַגאָגישע,
וואָס שפּילט אויף די סטרונעס פון מאַסן־אינסטינקט.
ווי יענע „ספּיריטיסטן”, וואָס אינטערוויואירנדיק גייסטער,
רייניקן זיי דערוויל ביים קליענט דעם טייסטער —
מאַכט ער אַלערליי שכל־קאָזשעלקעס, טריקן;
כדי קיינער זאָל נישט קענען דערבליקן
זיינע „אמתע” צילן, די זאַ־ל אַ ג י ש ע ,
דערזען זיין מויל: אַ שקר־קאַנאַל, וואָס סאַמט, שטינקט.

### אויף אַ באַנקעטירטן

די רעדנערס וואַסערן אים ריין פון יעדן פעלער,
בלאַנקען אים מיט אַ ווייס־קראַכמאַלנעם פּאַטאָס;
אַ, ווי טיף מוז זיין אין אים דער שפּלות־קעלער,
ווען ר'מוז אים פאַרשטופן מיט אַזוי פיל כבוד־סמאַטעס?
ער ווערט גרעסער און גרעסער, ער פליט העט,
ווי אַ באַלאָן אָנגעבלאָזן דורך די אימפּראָוויזאַציעס;
זאָל ער זיך דערהייבן, דער צוויי־שעה־קעניג פון באַנקעט:
אַט־אַט, וועט ער דעם אָטעם אויסהויכן, פּלאַצן.

# שרייבער - פּראָפילן

ש. ביגער

ער קנעלט מיט התמדה דעם ליטעראַטור-שיעור;
און ווייל ר'איז נישט אין „נסתר“ קיין גרויסער גביר,
טייטשט און טייטלט ער בדיוק אָן אָרנטלעכן „פּירוש רש'ן“
סאָליד? טאַקע: נאָר די טרוקעניש, וואָס נעמט ביי אַלץ אַוועק וואָג!
וגם: צו זיין זאָג וועגן יענעמס מיין, איז דער מיין פון יענעמס זאָג—
זעט איר, דאָס איז שוין אַ „תוספות-קשיא“.

### דר. א. מוקדוני

צעריסן זיין סטיל אויף שטיקער,<br>פון זיין טעמפעראַמענט — דינאַמיטיש.<br>זיין מאמר — אַ קופּע שפּליטער־זאַצן;<br>אין קאַמף־היץ פאַרגעסט ער אין עיקר:<br>מען קען נישט רעזאָנירן קריטיש —<br>מיט פייל־און־בויגן, פּויקן־טאַצן.<br>וואָס וויל ער, נעבעך, דער מאַקעדאָניער קריגער,<br>מיט זיין פּ אַ ז י צ י ע ־קריג קען „כוש" — דעם ניגער?<br>כ'לעבן, זיין געפּיל און זיין שונא'ס שכל — אינאיינעם —<br>און מיר וואָלטן געהאַט א י י ן קריטיקער — אַ פיינעם.

ה. לייוויק

ווי לאַנג נאָך וועט ער־זאָל־לעבן, דער איהומענער,
די גאולה־ק אַ מ ע ד י ע אונז אויפשפּילן ?
דאָס זעלבע פּידעלע, די זעלבע טענער —
איבערחזרנדיק־מאָנאָטאָן, ווי ניגון פון גרילן.
עפּעס ווי איינגעהילט איז אין אַ טומאַן ער
אין דער אבסטראקטער ליבע, איהומאַנער:
משמעות, פון גרויס מאַנגל אין פּראָבלעמען,
גייט ער נישט אַרויס פון משיח־גולם־סכעמע.
— מיר אַלע האָבן אים צו זעלבסט־פּלאגיאַט דערפירט:
מיר האָבן אים אַלס ק ד ו ש ת ל י י ו ו י ק פּראָקלאַמירט.

### י. באַשעוויס — דער עסייאיסט

ער קען מטמא זײַן אַ טויב מיט ק״ן טעמים — ר׳ באַשעוויס,
מיט זײַנע פּילאָ־ס אַ פ י ז מ ע ן קען ער אי יאָ, אי ניין באַווייזן;
ער להכעיסט מיט גמרא־קעפּלדיקער קאָנטער־מליצה, ווי זײַן טבע איז:
אים גייט נישט אין אַ פּראָבלעם לייזן, נאָר אים א ו י פ צ ו ל י י ז ן.

### ר׳ בנימין

ער איז אַ יושר־ריטער אין וואָרט־געפעכט,
נישט וויכטיק, וואָס ער קען אַמאָל זײַן אומגערעכט:
אַ טעות מאַכן — די רעכט, אויך פון גערעכטן;
דער עיקר: צילן צום שיינעם, אמת׳ן, עכטן.

**י. אפאטאשו — דער עסייאיסט**

וואס איז „דערמער" מיטן עסייאיסט אפאטאשו ?
דעם איבערחזרער פון דער היינו־הך־דרשה ?
וואס פאקט ער אוים, מיט פאמפע ריזיקער,
אבער און ווידער זיין פומבדיתא'קע
טעמע, זיין „זונטיק־בולבעס"־פזמון :
זייו הוסט־תורה־זאפישן „בבל" ?
„מאעסטרא" — אויסרופן מוז מען,
„דערלייז אונז פון „גלות"־באוול !"

ז. שניאור

ס׳הערט זיך מיט איבערדרייפקייט פון דעם „גריך״,
דעם פיל־עס־זויף פון פולקע און דיך:
ער מאַכט פערוועזע שיכורים, נואפות —
אפילו פון די צניעותדיקסטע דאַמעס — עופות;
ער — אַ קינסטלער פון וולגאַרער עסטעטיק:
ווי מ׳קושט זיך (מיט וואַריאַציעס) און מ׳איז עס־טעטיק.

### "דער לעבעדיקער"

איבער אַלע נודאמאַנען — אַ סווישטשענדיקע רוט,
ער רייסט באַרימט-קייטן מיט כח און מוט;
אָבער נודע איז קלעפּיק, איז מזכה מיט אַ חלק:
איז ער, טאַקע, אַפּט היפּש לאַנגווייליק.

### משה נאַדיר

געווען אַ וואָרט-גביר, אַן אדיר,
דער שפּראַך-מאַגנאַט — משה נאַדיר;
ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ גייציקער „גאָלד"-היטער —
וויפל מער וואָלט ער איינגעהאַנדלט „אומבאַוועגלעכע גיטער".

### זיגמונט פרויד

א שאַרף-אויגיקער מרגל אויפן אוקיונס פון אומבאַקאַנטן,
די שפּרונגען פון עראָטישן קאָמפּאַס — זיין לייכטנדיקער פאַקל:
געזאָלט אַנטדעקן אַ נשמה - טעריטאָריע,
דערווייל — בלויז דער קאָלומבוס פון אַ טעאָריע.
(עדיפּ — אַ מאָנסטער פון מיטישן זומפּ
רופט פון אונזער בלוט, רוי און דומפּ.)
זייט-מוחל, ליבע פריינט ס ע ק ס ט אַ נ ט ן
פון סתירהדיקן א ו נ ט ע ר - באַוווסטזיין —אייער אָראַקל.

### דר. מאַקס נאָרדוי

ער האָט כסדר געטאַפּט דעם גייסט׳ס פּולס,
געבדקנט מיטן טרייבל טריבן, די מיסטעריע,
געזען אַ רעדן פון היץ אין יעדן אימפּולס,
אין עקסטאַז, אימאַזש — אַ קרענקלעכע היסטעריע,
אין טאַלאַנט׳ס פלאָרע — דעגענעראַציע,
פוילעניש אין זיינע עקזאָטישע אָרכידייען.
— איז נישט אין וויאַנען — זוימען פון קרעאַציע,
אין פערמענט — עמבריאָ פון אָרך - אידייען ?
אָבער דער דאָקטאָר האָט דעם חולה באַדויערט, מביניש :
ווי דען אַנדערש, אַז מען קוקט אויף קונסט מ ע ד י - צ י נ י ש ?

### פרידריך ניטשע

א טראַגישע סתירה־געשטאַלט : ניטשע,
א דיכטער — פאַרשעריש, א פילאָזאָף — ליריש,
אין יעדן גייסט־קעמערל אַנאַליטיש, דעליריש,
זאַראַטוסטרא ־ מבשר מיטן איבערמענטשלעכן קווימשען.
ווען א ו נ ט ע ר מ ע נ ט ש ן האָבן אים
א י ב ע ר ג ע נ י ט ש ע ו ו ע ט
אויף דער ווערטלעכער זייט,
איז קלאָר געוואָרן, אַז אפילו צום בלויזן מענטש האַלט נאָך ווייט.

### קאַרל מאַרקס

אין אופן פון טעכנישער פראָדוקציע,
וואָס שאַפט די סאָציאַלע צושטאַנדן, —
געזען האָט ער דעם מקור פון מענטשן ־ בייז,
די היסטערישע היסטאָריע פון מיזאַנטראָפיע.
האָט פאַרזען, נעבעך, די דעדוקציע :
דער דזשונגל פון שאַנד ־ צושטאַנדן
שטאַמט פון מענטשן ־ רשעות — א כשוף קרייז,
— אַ, פאַטער פון ווי סנשאַפטלעכער אוטאָפיע !

### היינריך היינע

זיין גייסט האָט געקראָגן שפּאַנונג גוואַלדיקע
אין באַוועגונג צווישן די מאַגנעט-פּאָלן: געפיל — שכל,
האָט סתירות שטראָם, דער מיליאָן וואָלטיקער,
זיך אויסגעלאָדן אין אַ בליץ — דעם גראַציעזסטן שמייכל.
ווי טויזנט קינדישע חנ׳ען —
צויבערקלאַנג: היינריך היינע.

### קנוט האַמסון

ס׳דאַרף נאָך אָנגעשריבן ווערן די מיסטעריע פון האַמסון,
די פאַרוואַנדלונג פון דינסטן זינגער אין אַ כאַם-זון,
דער שפּרונג פון קונסטגאָט פון אָלימפּ פּיאָרדישן
אין מיטן-זומפּ, האַרדיש-מאַרדיש-נאָרדישן.

# ליטעראַ-טור און קול-טור

## גראַפאָמאַניע ?

ווען אַן אוממעכטיקע פעדער פאַרשוואַכט ווייסע פּאַפּיר-בתולות
און פאַרדינט קריטיק-כּרת פאַר מוציא-זיין טינט לבטלות, —
רופט מען דאָס, איידל פאַרנעפּלט: גראַפאָמאַניע ;
איז נישט ריכטיקער, פּרעציזער — ג ר אַ פ אָ נ א נ י ע ?

## ליטעראַטור-דאַקטוירים

וויפל ס'זאָל אַ סרים ביאָהלאָגיע נישט שטודירן,
וועט ער אַלץ נישט זיין קיין „געענדיקטער" —
וויפל ס'זאָל נישט קינסטלערן דער מאַן מיטן קאַלטן געהירן, —
ער קען אין קונסט נישט זיין קיין „זאַך-פאַרשטענדיקטער".

### רעאַליזם

יעדער רעאַליזם איז מיסטיק, באַנאַל,
ווען ר׳ווערט נישט דורכן קינסטלער דעסטילירט.
ער, דער קינסטלער איז דער קאַנאַל,
וואָס פון רעאַל־אַזיערע צום אַל־אָקעאַן פירט.

### סטיל־געפאַרן

—סטיל־ווינקער, ודי־למבין׳ניק, איר זענט געפערלעך:
איר קענט אַריינרוקן אַלטע קאַפּעקעס במקום רענדלעך.
—נישט בעסער, איר, „פּשט׳לער״, וואָס שרייבט „וואָר, ערלעך״:
מיין האַר, איר ריזיקירט צו ווערן פאַרשטענדלעך.

## יידיש אין ישראל

ווי האַלט מיט יידיש אין ישראל — אין סאַכאַקל ?
אין פלוג נישטקשה, אין תוך — ביטער, איר פאַרשטייט ?
זשורנאַל אַהין, בלעטל אַהער — ס׳איז אַ ספּעקטאַקל :
יידיש אין ישראל ווערט געהאַלטן אויף אַ ג אָ ל ד ע נ ע  ק י י ט .

## יידיש־מזל

ווי אַ ליכטל, וואָס ווערט אָט־אָט פאַרלאָשן,
אַזוי צאַנקט דאָס מזל פון יידיש־לשון :
דאָרט וואו מען אנערקענט אים, וויל מען אים נישט קענען.
וואו מען קען אים, וויל מען אים נישט אנערקענען.

### ליטעראַטור־חורבן

די מחברים פון דער חורבן־ליטעראַטור, אומקום־אַנאַלן,
האָבן געשטעלט אַן אייביקן דענקמאָל אונזער
אומצייליקן קרבן:
פּרוּאוון זיי אָבער ווייטער שרייבן, ווי פּראָפעסיאָנאַלן,
באַקומט זיך פּשוט אַ ליטעראַטור־חורבן.

### מעז יצא מתוק

„שיינע ווערק פון מיאוסע שעפערס — אַ זאַך אוממעגלעכע,
פון דערהויבנקייט, געמיינקייט — אַ מוטער, לייבלעכע?“
— חידוש׳ערס פאַרגאַפטע, קוקט אומיסטן:
שפּראָצן נישט בלומען פון מיסטן?

**אויף אַ ביכער־אויסשטעלונג**
**אין ״חודש פון יידישן בוך״**

אייגנטלעך וואָלט מען זי באַדאַרפן איינאָרדענען אין די חנוכה־טעג,
ווייל, ווי אויף די ליכטלעך, „בלויז קוקן אויף זיי מען מעג״,
הגם אַן אונטערשיד איז דאָך פאַראַן, נישט וואָר?
— די ליכטלעך קויפט מען כאָטש אַ מ אָ ל אין אַ יאָר.

**עפּידעמיע**

פאַראַן נישט בלויז פיזישע — אויך גייסטיקע עפּידעמיעס,
באַווייז: די לעצטע כוואַליע פון יידיש־ליטעראַטור־פּרעמיעס.
סיבה: דעם קראַנקן יידיש, קולטור־רופאים צו הילף איילן.
שאלה: צי קען מען די מחלה מיט אַ צווייטער היילן?

## ווענן פלאגיאט

עולם שרייט: „קאַראַול, פּלאַגיאַט!"
ווען מען כאַפּט „אויף דער הייסער טאַט"
ענלעכע געדאַנקען, בילדער: געגנבעט זיכער
האָט דער געדאַנקען מארעוויכער;
און ס'פּאַלט נישט איין קיין סאַך,
אַז ס'קען עטלעכע איינפּאַלן די זעלבע זאַך.
נישט פאַראַן קיין פּאַטענט־אַמט פאַר גייסט־דערפינדונגען
די עקאַנאָמע נאַטור שיקט אין עקזעמפּלאַרן — עמפּינדונגען.

* * *

וואָס וויל ער, דער קולטורעוואַטע ייד
אויפן ליטעראַרישן באַזאַר, קונסט־יאַריד?
וואָס טאַפּט, נישטערט ער, נעמט פּראָבעס אַ חויפן,
אַז קויפן קויפט ער נישט, און האָט אויך גאָרנישט צו פאַרקויפן?

* * *

ער קען זיך נישט אויף רויכוואַרג אָדער דיאַמאַנטן,
טוט ער פאַרנאַסעווען אַרום פרעמדע טאַלאַנטן;
זאָלן יאָלדן באַזינגען אָדער באַוויינען די נאַטור —
ער מאַכט אַ לעבן פון דער קולטהור.

### אויף אַ קינסטלער

ער גיט דער קרעאַציע זיין עיקר עסענץ,
אַלע זאַפטן פון כאַראַקטער, אינטעליגענץ:
אַ פֿאַלשער אַדרעס — אים — ביי אים פערזענלעך געזוכט;
זיין תמצית אין ווערק, ער — אַן אויסגעקוועטשטע פרוכט.

### אויף אַן "איש הרוח"

מאַנכע האַלטן אים פאַר אַ באַלאַן מיט הוילע לויטערקייט,
פאַראַן אויך אַ יש אומרים, אַז ר'איז לויטער הוילקייט,
דער אמת: ר'איז נישט לויטער, נישט הויל, די בריה —
גיסט אים דעם מינדסטן קראַץ, פילסטו גלייך: מ אַ ט ע ר י ע.

## ליטעראַרישע איבערפּראָדוקציע

קינסטלעכער שאַפונגס־שטורעם געבערט אַ געניץ,
די געשטאַלטן, בילדער — אַ כאַאָס, אַנעמיש בלאַסער.
אפנים, גייסט־מינעראַלן, ווי גרובן־שיכטן, האָבן אַ גרענעץ:
מען גראָבט אַזוי „טיף“, ביז מען קומט צו — וואַסער.

## לידער־רוטין

דער „מוז“, נישט די מוזע איז אויף אים שורה,
ווען ער טובלט זיך טעגלעך אין זיין לידער־מקוה:
ער מוז כסדר ליפערן פרישע סחורה —
זאָגט, איז נאָך פאַראַן צו אים אַ תקוה?

### ליטעראַטור־יאַריד

ער קומט צופאָרן ברעש אויפן ליטעראַטור־יאַריד,
איינגעהילט אין עמודים רעקלאַמע־שטויב;
ווילסטו צוגיין אַ טאַפּ טון: ר'האָט עפּעס, ר'ייד? —
ערשט — ער פאַרשווינדט דיר הינטער אַ וואָלקן לויב.

### די רום־זון

ווי שרעקלעך — אונטער דער רום־זון כסדר זיך בראָטן,
אין רענאָמע־סאַהאַרע, וואָס איז מיט כבוד־בראַנדן מבוזה!
ווילסטו זיך ראַטעווען — פאַרקלייב זיך אין אייגענעם שאָטן,
אין דיינע דלד אמות — דער בליענדיקער קוואַל־אַאַזע.

### צייט־באַרימטקייטן

זייערע רום־טורעמס רייסן זיך צו די הימלען,
אָבער מיט וויפל שוויים — זייערע ציגל געקנעטן?
אַ יאָרצענטליק — צוויי, און אויף די רואינען, שימלען,
וועלן בלויז פאַרשערס אָדער ציגן טרעטן.

### "נישט־דערזאָגערס"

„ער דערזאָגט נישט אַלץ — איז דאָס נישט קיין סימן פון טאַלאַנט?"—
האָט אָפּגעפּסקנט איינער, אַ דיפּלאָמירטער קריטיקאַנט.
טאָקע: איז נישט קיין אָראַטאָר — איינער, וואָס שטאַמלט שווער,
און טויבלעכקייט — קיין סימן פון פיינערן געהער?

„באפליגלטע‟ קינסטלער

בריען זיי זיך אוים קינסטלעך תחת כנפי ה'דאקטרינע,
פון א „פליגל‟ אננעמענדיק באשטעלונג-דיקטאטן,
פארלירן זיי באלד די פליגל פון דער קונסט-שכינה:
קיין אדלער האט נישט קיין צוויי פאר פלי-אפאראטן.

## ליטעֶראַטוראַמעטריע

אפילו די קלעטערערס, פֿאָרשערס פֿון קונסט-עווערעסט
חזרן איבער דעם שול-שאַבלאָן: „דער גרעסטער“.
— באַשטימען אַ העכסטפּונקט — אַ צווייפלהאַפטער פֿאַרמעסט:
איז פֿאַראַן אַ פּסיכאָ-צענטימעטער, זשעני-מילימעסטער?
ווי ביי וויטסטע שטערן-קאָנסטעלאַציעס אין אין-סוף,
איבער דימענסיאָנעל
קונסט-פּאַראַלעלן — היפּאָטעטיש, דאָס פּרעציזע — פּרעטענסיאָנעל.

### יתרו׳נימען

ער באַניצט זיך מיטן פּסיידאָנים,
ווי אַן אַקטיאָר מיט מאַסקע, גרים:
מיט איינעם טרעט ער אויף אין דער ראָל פון „כופר“ —
מיטן צווייטן — אַלס „יוחנן דער טויפער“;
דאָ שפּילט ער „האַמלעט, דאָרט — „דאָן קיכאָט“:
זיין אמתדיק פּנים וויים נאָר איין גאָט.

**אויף א ״פּראָכטבאָרד״ טאַלאַנט**

מבינים באַוווּנדערן די רייפע פּראָכט פון זיין פּעלד,
זיינע בייטן־שורות זענען סימעטריש, פאַרביק און אמת:
גיכער מיטן שפּאָדל, ווי מיט דער פּען, א העלד.
אפשר איז ער דער גרעסטער פּויער צווישן פּען־פּראָלעטאַריער,
אָבער ווייט נישט — דער גרעסטער דיכטער צווישן אַגראַריער.

# מאַקסימעם פון סאָציאַל-פּאָליטישן מיני-מום

**פאָליטיק און פּאָליטיקער**

דאַכט זיך: זיי האַלטן דער געשיכטעס לייצעס,
אָבער זיי אַליין ווערן געצויגן אויף שטדיקלעך;
א דעמאָן האַנדלט הינטער זייערע פּלייצעס:
זייערע „וועלט־געשעענישן" — זיינע „שטיקלעך".

* * *

זייער אוממאַכט, נאָך מיט טויזנטער יאָר צוריק,
געזען האָט אַ מאַן מיט אַ קלאָרן קאָפּ.
וואָס מיר זעען איצט, האָט דאַן געכאַפּט זיין בליק:
זיי פירן טאַקע די וועלט — מיט דער פוטער אַראָפּ.

* * *

די וועלט, די פעלקער זענען איין אָרגאַניזם,
וועמען ס'פייניקט אויפן מינדסטן פינגער אַ בלאַטער:
דער פעלקער־צבור, ווייאון־ווינד איז אים,
ווען ס'געשווילט דער מינדסטער נעגער אָדער טאַטער.

### מלחמה און שלום

קליינע מלחמה-זאפּאס-קיינעצלעך ווערן נישט פאַרלאָשן,
כדי צו קענען אָנצינדן די גרויסע גלאָב-שייטערס:
אַלע שלום-זריע-קערנער — אויסגעדראָשן,
אין די הענט פון די מלחמה לשם שלום-גרייטערס.

* * *

— דענקמעלער? — אָבער נישט פאַר מלחמה זיגערס,
נאָר פאַר די גרויסע געווינערס פון שלום:
זיי, די וועלט-פייערלעשערס, אַנטי-קריגערס,
זענען וואר־בריקן צום ישעיה-חלום.

* * *

„ווילסטו שלום — זיי צו מלחמה אַ גרייטער" —
קינד און־־קייט חזרט די חכמה פון די לאַטיינער;
אַז אין איין מלחמה ליגן די זוימען פון אַ צווייטער —
וועגן דעם,נעבעך, טראַכט נישט קיינער.

### אויף די ״יונייטעד ניישנס״

ווי קאַניאַרעס אויף אַ יאַרמאַרק, מיסטיק צעווירן,
וואָס דינגען זיך און קלאַפּן זיך אין דלאָניע,
איינער אויפן צווייטן אָנגעשפּיצט און לויערן,
מיט קאָנטער־גנבה־בליקן און איראָניע —
אַזוי פאַרשאַכערן די וועלט — די הענדלערס פון בלאָקן
אויפן פעלקער־יאַריד, הנקרא „יו־ען“
קוקסטו אויפן ציגיינער־שפּיל, מורמלסטו דערשראָקן:
„ווען וועט נאָך קומען אַ פאַראייניקונג ווען?“

### וועלט־געשיכטע

א קרימינאַל־ראָמאַן, געשריבן אין המשכים־דורות,
וואו מענטשן־סטאַדעס זענען זיך עוקר ודורס;
ס׳בייטן זיך קאַפּיטלען: קולטורן, פּאַטערלענדער,
אומפאַרענדערלעך די „העלדן" — די פאַרלענדער.

### דיקטאַטאָרן

אויף די אָרעמס פון שיכור צעוויגטע מענטשן־כוואַליעס,
ווערן זיי געשליידערט אויפן העכסטן מאַכט־שפּיץ, שיפן:
זיי קענען שוין נישט אַראָפּ צוריק, די קאַנאַליעס,
ביז אַ נייע כוואַליע פאַרשווענקט זיי אין די טיפן.

### משיח־אימפרעסאַריאָס

בײַ דעם מענטשן־מין — דער יולדת אין הינערפּלעט,
שטייען די פּאַרטיי־זנאַכערס צוקאַפּנס:
יעדער איינער פון זיי גייט אין געוועט,
אַז ס'וועלן העלפן זיינע טעאָרעטישע טראָפּנס,
און אַז בקרוב, טאָקע גאָר איינגיכן
וועט ער, נאָר ער ברענגען משיח'ן.
— אפשר יאָ? — אָבער נישט מיט מאַנאָפּאָל־קלייזל,
און נישט מיט קיין לוחות ה'דאָקטרין;
יאָ, ער וועט באַדיי קומען אויף אַן אייזל,
אַבי נישט אויף אַ פּאַרטייאישער „מאַשין“.

דער תמצית פון אים איז דערהויבן, פּרעכטיק,
פאַרגעטלעכטע וועלט, פאַרוועלטלעכטער גאָט;
אָבער דאָגמע, ווי תמיד, מאַכט אים אוממעכטיק —
צום ענדציל נישט דערנענטערט אויף קיין טראָט.

* * *

ער וויל, אָבער קען נישט דערלייזן — מצב טראַגישער;
גאולה — אַלגעמיין; אַלע טריפה — פּאַראַדאָקסאַל.
אַלץ פאַרצוימט אַ כישוף-קרייז, מאַגישער:
אחרית-הימים-נבואה, און ראַסע — אָרטאָדאָקסאַל.

### קרבן־קאָמפּלעקסן

ד ע ר מ ע נ ט ש האָט געטער געשאַפֿן אין זיין געשטאַלט:
קאָסמישע סאַטראַפּן, ברוטאַל, פֿאַרדאָרבן;
דער זיכערסטער בליץ־אַפּלייטער פֿון זייער געוואַלט
איז דאָס בלוט־באַקשישל: דער קרבן.

### פּאָליטעאיזם

ביי אַ טייל — אין דער הימל אימפּעריע אַ מלחמה, אומאויפהערלעכע,
ביי אַנדערע — קליינע געטערטומער, אויטאָנאָמע:
זיי קענען נישט באַגרייפֿן, די נאַאיוו שכלדיקע, קינדיש ערלעכע,
אַז פֿון איין קוואַל פֿליסט סיי טהור, סיי טמא.

### אויף קריסטנטום

ער גיט אַרויס זינד־פּאַטענטן, מחילה־ליצענצן
אויף באַליביקע פאַרברעכנס, מיט וועלכע איינער שטרויכלט:
אַ ווידוי ביים עבירה־רעגיסטראַטאָר — אַלע קאָנסעקווענצן!
כ׳לעבן, אַזאַ, במחילה, רעליגיע — בין א י ך א י ם מוחל.

אונטערשטעלן די צווייטע באַק, ווען מען גיט אין איינע אַ פּאַטש—
דאָס געבאָט איז פון קריסטן אַממערסטן אָפּגעהיטן, כ׳לעבן;
נישט אַז זיי בעטלען פשוט פעטש — אַזאַ קוואַטש! —
נאָר: כדי צו קענען קריגן פעטש — מוז דאָך זיין ווער ס׳זאָל געבן.

**אני מאמין**

אני מאמין בביאת ה'סאָציאַליזם —
דער בלוט־און געוואַלטלאָזער, דער גערעכטער.
ער וואַרט ביי די טויערן פון נאַציאָנאַליזם —
דער וועלט־דערלייזער, דער עכטער.

# טעמפעראטור פון אות-דרוק

* * *

ס׳קען קיין פעלד נישט פאַרזייט ווערן, געדייען,
ביז ס׳ווערט נישט פריער טיף דורכגעאַקערט;
ס׳קען קיין מענטש ניט קיין גאַנצקייט דערגרייכן,
ביז ר׳האָט נישט זיין האַרץ אין הכנעה צעבראָכן.

* * *

אַנצינדן מיט אַ פייער אַנדערע: „אין גאָט גלייב",
מיט אַ וואָרט וואָס איז אויסגעטרוקנט, קאַלט —
ווי ס׳וואָלט געפריידיקט קערפּער־ליבע, קולט פון לייב —
אַ פרוי, אַליין מיאוס, געדרונצלט און אַלט.

### אויף ל״ו צדיקים

אַ טיפער זין, אַ מיין אַ פיינער
אין לעגענדע פון ל״ו הייליקע געשטאַלטן:
ווען באַוואוסט, — קיין צדיק קיינער,
די גאַנצע צדקות פון די ל״ו — וואָס זיי זענען באַהאַלטן.

### מלחמת דעמאַגאָג

פאַר משיח׳ס טריט, די לעצטע שטער
באַזייטיקן זאָל אַמאָל די מלחמת גוג ומגוג;
נו, וואָס איז מיט דער פרישער באַריער:
דער ביטערער מלחמה מיטן דעמאַגאָג?

## אויף אַ ״פּייפּער״

ער ד ע ר פ י נ צ ט ע ר ט טעגלעך מיט אַ מעניו
פון פרישע אומגליקן:
דעם ט ו י ט הונגעריקן לייענער, מיט „עקסידענטס״
צו דערקוויקן,
זיין ב ר ע נ ע נ ד י ק ן דורשט, מיט וואַסער־פּאָמפּעס
צו פאַרפלייצן,
זיין סעקסאפּאַטיע — מיט קאָלעקטיווע קאָנטעראַטאַקעס צו רייצן.

## נאַכלויפערס

זיי כאַפּן אידייאישע שיריים פון די טיש פידערס:
ריטואַלן, סימבאָלן, עמבלעמען;
זיי זענען פאַרן גייסט־שטראָם קנאַפּע „דורכפירערס״ —
די וואולגאַריזאַטאָרן פון אַלע סיסטעמען.

### אויף אַ קיבעצאַרניע

אַ מרחץ, וואו יעדער זעט נאַקעט — דעם צווייטן,
און יעדער וואַשט זיך — אין י ע נע מ ׳ ס שמוץ;
אויף די היץ-און פּאַרע-בענקלעך מוז מען שוין שוויצן
פון די וואַלקנס לשון-הרע, רכילות און פוילע וויצן.

### אויף אַ קאַפע

אַ שלאַכטפעלד מיט פיינדלעכע אַרמייען,
טישלעך — פעסטונגען מיט שטעכוואָרט-פאַרצוימונגען,
כיטרע טראַנשייען;
בליקנוואַרפערס, זויערמינעס, וויץ-שראַפּנעלן — דער „שלום עליכם“
אין לצים-מושב; ווילסטו מנוחה — מייד אים, ווייך אים!

### השערת הנפש

נשמות — פונקען פון אַ פייער אַ וויַיטן,
לייכטן־אויף און פאַרלעשן אין כהרף־עין־ציַיטן:
וועלן זיי צוריק אויפזיַינגען אין אורפֿייער־קוואַל,
אָדער גאָר דויערן אין איינצל־השארות?
מעגן וואָר שיַינען די אַלע השערות —
עפּעס טיאָכקעט אין דיר: „חבל, חבל!“

### אויף ליבע

אַ מזל האָט דאָס פיינע קאַמער־שפּיל:
ס'פירט עס אויף יעדער אַמאָטער מינדסטער,
און לאָ־די, די רעפּעטיציעס איבערפירן דעם רעזשי־ציל,
ווערט נאָך גאָר ביים שלוסאַקט פינצטער!

### אויף אנקל סעם — דעם מ א נ י טעאיסט

דעם נוצרי האָט זיין סענטימענטאַליטעט
געברענגט צו דער „וויא דאָלאָראָזא“;
דעם „אַנקל“ — זיין סענט-מענטאַליטעט —
צו אַ כראָנישער „דאָלאראָזע“.

### אויף פערדגעיעגן

די פירפיסיקע פערד גאַלאָפּירן, שוים-שפּריצנדיקע,
די צווייפיסיקע דערמונטערן זיי מיט פייפן, לאַרעמען;
אייגנטלעך זענען די אמתע פערד — די זיצנדיקע —
דער וועלט-דזשאָקיי זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען.

**עפנטלעכע מיינונג**

ווען יעדער אינערלעך מיינט גאָרנישט,
ווערט דאָס, צוזאַמען פאַרסאַכקלט,
ווי „עפנטלעכע מיינונג“ באַצייכנט:
אויף דעם ווערטן־וואָגשאָל קיין האָר נישט;
מיינט דער אומזין, דורך איקס מוליקן כפל,
צו שטעלן אויסער ספק זיין קאָמפּעטענץ?
נו, איינס איז טאַקע אויסער יעדן צווייפל:
דאָס איז נאָך אַ סימן פון אורטייל־אימפּאָטענץ.

**אויסגעשטיגענע**

מיד געוואָרן נאָכלויפן דער פּאַטאַ־ם אָ ר ג ן רעוואָליוציע,<br>
אין אַ מדבר־עטאָפּן־עשאלאָן ;<br>
האָט אויפגעבליצט אַ סטאַנציע : ע ו ו אַ ־ לוציע,<br>
איז — אויסגעשטיגן אויפן פּ ע ר אָ ן !

אויף ״פשוט נבלה בשוקא . . .״

אָפּשינדן אַ נבלה אינמיטן גאַס — אַזאַ פּרנסה,
אויב ס׳געפעלט עמעצן, זאָל ער, מילא;
אָן אַנדער אויסוועג: רייסן פון מ ע נ ט ש ן פּאַסן —
אַבי נישט אָנצוקומען צו קיין נבלה.

אמת ״מארץ תצמח״

אמת: דער אמת ליגט אין דער ערד, טאַקע,
אָבער נישט לאבוד גייט זיין זריעה;
שקר, דער אויפגעבלאָזענער מוז פּלאַצן ווי אַ מכה —
דער באַגראָבענער אמת — שפּראָצן און בליען.

### אויף ,,תכלית הידיעה"

פאַר דעם באַגרענעצטן, מיט זיין ליכטלדיקן פאַרשטאַנד,
וואָס באַלייכט זיין קליין קעמערל, — איז אַלץ קלאָר, פאַרשטענדלעך;
ערשט דער זוכנדיקער, ביים ווייטסטן האָריזאָנטן־ראַנד,
דערזעט: די טיפסטע חכמה, דאָס נ י ש ט ווּיסן איז אומענדלעך.

### טאָלעראַנץ

דעם לאַקריץ פון אַל־ליבע טרינקען —אוממעגלעך,
האָט — אַ באַרוישנדיקע, אָבער גיפטיקע סובסטאַנץ;
בלויז איינס מאַכט דאָס לעבן דערטרעגלעך:
דער לויטער קוועלנדיקער שטראָם — טאָלעראַנץ.

## אינהאַלט:

זייט

טיפּן־אַלבום .... .... .... .... .... .... .... .... .... 5

שרייבער־פּראָפילן .... .... .... .... .... .... .... .... 23

ליטעראַ־טהור און קול־טהור .... .... .... .... .... 35

מאַקסימעם פון סאָציאַל־פּאָליטישן מיני־מום .... 53

טעמפּעראַטור פון אות־דרוק .... .... .... .... .... 65